יאָר געקומען אונטער דער השפעה פון דער השכלה, אָנגעהויבן צו לערנען וועלטלעכע לימודים (איינער פון זיינע לערער איז אַגב געווען זאַמענהאָף, דער פאָטער פון דעם בעל־העספעראַנטאָ) און זינט 1860 געשריבן מאמרים אין „המגיד", „המליץ", „הכרמל, „הצפירה" א״אַ וועגן השכלה, חכמת ישראל, ציוניזם, ספיריטיזם אין דער אַלטער העברעישער ליטעראַטור, נאַטורוויסנשאַפט, פּאָליטיק, אאַז״וו ער איז געווען לערער פון העברעיש אין פאַרשיידענע שטעט; איינער פון די ערשטע גרינדער פון דעם שול־טיפּ חדר מתוקן אין לאָדז, וואו ער האָט געלעבט זינט 1885. געהאַלטן דרשות פאַרן ציוניזם, 1920 אַרויסגעגעבן אַ טרויערליד אין העברעיש און דייטש צום אָנדענק פון ד״ר הערצל מיט נאָטן, פון אים אַליין קאָמפּאָנירטע. 1890 האָט ער געגרינדעט די ערשטע יידישע און העברעישע בוכהאַנדלונג אין לאָדז און שפּעטער געעפנט ביי דער בוכהאַנדלונג אַ גרויסע ביבליאָטעק. די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן האָט ער זיך אָפּגעגעבן מיט איבערזעצן „שיר השירים" אויף יידיש, אָבער די אַרבעט איז געבליבן ניט פאַרענדיקט און ניט פאַרעפנטלעכט.

נעקראָלאָגן אין „לאָדזער טאָגעבלאַט" און „נייע פאָלקסבלאַט".

**פערלמוטער אַ.** — האָט פאַרפאַסט אַ ביכעלע פון פיר לידער א״ט „משפט פון קאַפּיטאַן דרייפוס" (וואַרשע, 1898).

**פערלמוטער מרדכי** (25/ו 1888— ) געב. אין לודמיר, וואָלין, אין אַ רייכער מיוחסדיקער פאַמיליע. באַקומען אַ רעליגיעזע און וועלטלעכע בילדונג, געלערנט תלמוד און געענדיקט די שטאַטישע קרוינשול. געווען אַריינגעצויגן אין דער פרייהייטס־באַוועגונג 1905 אין וואַרשע, וואו געווען אַן איינגייער און איבערשרייבער ביי י. ל. פּרץ — זיינעם אַ ווייטן קרוב. 1906 געקומען קיין אַמעריקע. זינט 1909 פאַרעפנטלעכט לידער, דערהויפּט אין „פ. אַ. ש.", געשריבן אויך הומאָריסטישע זאַכן אין פערזן און פּראָזע אין „קונדס", „אידישען גזלן", „פאָרווערטס" א״פּ מאַטווייקאַ, מאָטעלע, מאָטי הערש־מאָניסעס און סאַלאַמאַנדראַ. איבערגעזעצט לידער פון רוסישע דיכטער, אויך אָסקאַר ווײַלדס „די באַלאַדע פון רעדינגער תפיסה" (אין בוכפאָרם ניט פאַרעפנטלעכט). אַן אויסוואַל פון זיינע לידער געזאַמלט אין בוך „לידער פון גלויבען" (פ״ג „לעבען", נ״י 1922, ז״ז 96), דורכגעדרונגען מיט אַ רעליגיעזן געפיל.

**פערלע יהושע** (1888 — ) געב. אין ראָדעם. זיין פאָטער, לייזער, איז געווען אַ דאָרפסמאַן, האָט געהאַנדלט מיט היי, און פון אים האָט פּ. געירשנט די ליבע צו פוילן און צום פוילישן דאָרף.



אין זיין דערציונג האָט אין אַ געוויסער מאָס געווירקט דער אומשטאַנד, וואָס זייענדיק אַ בן־יחיד ביי די עלטערן, איז ער געוואַקסן צווישן שטיפברידער און שטיפשוועסטער — פון דעם טאַטנס ערשטער פרוי און דער מאַמעס ערשטן מאַן. ביז 12 יאָר געלערנט אין חדר, דערנאָך — בשעת די מוטער איז געווען צו גאַסט ביי אַ טאָכטער אין סיביר — אַוועקגעגעבן געוואָרן אין אַ מאַנופאַקטור־געשעפט, ניט געקענט זיך לאַנג דאָרט האַלטן, אָנגעקומען צו אַ שלאָסער, פון אים אינגיכן אַנטלאָפן און אַדאַנק דער ווירקונג פון

דער מוטער זיך אָנגעהויבן צוצוגרייטן
צו דער גימנאַזיע, דורכגעמאַכט פיר
קלאַסן, אָבער צוליב אַ ראָמאַנטישער גע-
געשיכטע 1905 אַוועק קיין וואַרשע, וואו
ער איז עד-היום באַשעפטיקט אַלס באַנק-
אָנגעשטעלטער. — די ערשטע ליטעראַ-
רישע פרוון האָט פ. געמאַכט צו 16
יאָר אין רוסיש — האָט געשריבן ציוניס-
טישע לידער, געפּרוווט איבערזעצן יידי-
שע שריפטשטעלער; שפּעטער האָט ער
זיך נעענטער באַקענט מיט דער יידישער
ליטעראַטור און 1908 דעביוטירט מיט
אַ בילד „שבת" אין זמ"ב „דער נייער
גייסט" א"ר פון נח פּרילוצקי. זינט דאַן
האָט ער אין פאַרשיידענע צייטשריפטן
און זמ"ב, ווי אויך אין באַזונדערע
אויסגאַבן פאַרעפנטלעכט סקיצן, נאָוועלן,
ראָמאַנען (לעצטנס געשריבן פאַר אַ טאָג-
צייטונג אונטער אַ פּ"ס), וועלכע האָבן
אים סוף-כל-סוף אַרויסגערוקט אַלס איי-
נעם פון די באַגאַבטערע פאַרשטייער
פון דער נייער יידישער בעלעטריסטישער
פּראָזע אין פּוילן. מיט זיין נייגונג צו סאַנ-
טימענטאַל-ראָמאַנטישער שילדערונג פון
דעם יידיש-פּוילישן שטעטל, פון פּרימי-
טיווע פאָלקסמענטשן, פון אונטערוועלט-
פאַרשוינען געהערט פ. צו די עפּיגאָנען
פון דעם אַש- און ווייסענבערג-שטייגער
אין דער יידישער ליטעראַטור, אָבער
ליידט שטאַרק פון צעצויגנקייט אין זיי-
נע לעצטע ווערק, ווי, למשל, די דער-
ציילונגען „ציפערן" (אין „וואַרשעווער
אַלמאַנאַך", 1923), „אַן אָרנטלעכע פרוי"
(„וואַרשעווער שריפטן", 1926), פאַר
וועלכער ער האָט באַקומען די דריטע
פּרעמיע אין דעם ליטעראַרישן קאָנקורס
פון „טאָג" (זע פּאַט) האָט ער איבערגע-
ריסן מיט דער פאַרפוילישטער סענטי-
מענטאַלישקייט און פאַרליטעראַרישטקייט,
אָנגעהויבן צו שרייבן מער קאָנסטרוק-
טיוו און איינהייטלעך, זיך אָנשליסנ-
דיק אָן דער מאָדערנערער ריכטונג פון
דעם יידישן נעאָנאַטוראַליזם. אַ גרויסן
אָרט פאַרנעמט אין פ—ס שאַפן דער
עראָטישער עלעמענט, און אין זיין ראָ-
מאַן „מירל" — איינעם פון זיינע בעסטע
ווערק — ווי אויך אין אַ גאַנצער ריי
נאָוועלן שילדערט ער די פרוי מיט איר
בענקשאַפט, מיט איר ליבע, מיט איר
פלירט און מיט איר פּוסטקייט, ניט אויס-
מיידנדיק די דראַסטישקייט פון באָקאַ-
טשיאָ-מאָטיוון און באָקאַטשיאָ-סצענעס.
ער איז אַ גוטער קענער פון דער יידיש-
פּוילישער פרוי, דער פאָלקסטימלעכער,
דער בירגערלעכער, דער אַסימילירטער,
און שילדערט אויך די מענטשן פון דער
גרויסער שטאָט מיט זייערע שוואַכקייטן
און זייערע טראַגעדיעס, אַרויסווייזנדיק אַ
שאַרף אויג און אַ חוש פאַר פּלאַסטישער
געשטאַלטונג. דער סטיל פ—ס איז אַ
געלאַסענער, אַ ביסל אַ איינטעניקער, די
שפּראַך — אַ קערנדיקע און אַ זאַפטיקע,
ניט גאָר פריי פון פּראָווינציאַליזמען. —
פון זיינע ווערק זיינען אין בוכפאָרם
אַרויס: „מירל" (פ"ג „די צייט", וואַרשע,
1920, ז"ז 136) — אַ ראָמאַן (געווידמעט
שרהן — זיין פרוי, וועלכע האָט 1926
באַגאַנגען זעלבסטמאָרד); „אין לאַנד פון
דער ווייסעל" (דערז. פ"ג, 1921 ז"ז 112) —
אַ פּאָעמע אין פּראָזע, וואו אויפן פאָן
פון דעם יידיש-פּוילישן לעבן ווערט
געשילדערט, ווי אַזוי אַ פּריצישע טאָכ-
טער פאַרפירט אַ יידיש מיידל צו שמד;
„אונטער דער זון" — אַ זאַמלונג נאָוועלן
(פ"ג ברידער לעווין-עפּשטיין, 1920, ז"ז
208); „זינד" — נאָוועלן (פ"ג ש. יאַטש-
קאָווסקי — ה. בזשאָזאַ, 1923, ז"ז 202).
ניט פאַרעפנטלעכט אין בוכפאָרם איז
זיין ראָמאַן אין ריטמישער פּראָזע „רוטאַ"
(פראַגמענטן אין „חודש" I, „רינגען" I).

גר״ט צו צום דרוק אַ ב׳ דערציילונגען א״ט „שטויב״. פּ. האָט אויך געשריבן ליטעראַרישע און קריטישע עסייען, דערהויפּט אין „ליטעראַרישע בלעטער״ (צ״אַ וועגן ב. האָראָוויץ און מ. געבירטיג, נומ׳ 130), איבערגעזעצט דאָס קינדער־בוך פון דעם פּויליש־יידישן שריפטשטעלער און פּעדאַגאָג יאַנוש קאָרטשאַק (גאָלדשמיד) „משהלעך, יאָסעלעך, ישראליקלעך״ (פ״ג „די צייט״, 1921), וואַצלאַוו סיעראָשעווסקיס „מאַן און ווייב״ (פאַרן פ״ג ברידער לעווין ־ עפּשטיין), „באַרנהאָלמער לעגענדעס״ פון דער דענישער שריפטשטעלערין אָלע סווענדסען (פראַגמענט אין זמ״ב „בייע הימלען״). זיין ראָמאַן „מירל״ איז איבערגעזעצט געוואָרן אויף העברעיִש פון מ. אינדעלמאַן א״ט „בת חוה״ (פ״ג „צענטראַל״ 1920).

ש. ניגער, אין „צוקונפט״, 1921, V; ib, 1922, VII; id, „קאָנקורס־דערצעהלונגען״ אין „טאָג״ 1926; א. ל. יאַקובאָוויטש, „וואָרט און אינהאַלט״, „היינט״ 1921, 190 און 196;

**פּערלעס יוסף** (26/XI 1835—4/III 1894) געב. אין באַיאַ, אונגאַרן. געלערנט ביים פאָטער, דעם דיין ברוך־אשר פּ., גלייכצייטיק באַזוכט די אָרטיקע קהילה־שול און די גימנאַזיע, דאַן שטודירט אין יידיש־טעאָלאָגישן סעמינאַר און אין אוניווערסיטעט (אָריענטאַלישע און קלאַסישע שפּראַכן און פילאָסאָפיע) אין ברעסלע, וואו עס האָבן אויף אים אַ גרויסע השפּעה געהאַט זכריה פראַנקל און יעקב בערנאַיס. 1859 באַקומען דעם טיטל ד״ר פילאָסאָפיע, זינט 1862 געוועזן ראַבינער אין דער ברידער־געמיינדע אין פּויזן, און זינט 1871 ביזן טויט — אין דער איזראַעליטישער קולטוס־געמיינדע אין מינכען. פון זיינע פילע יודאַיִסטישע אַרבעטן (כמעט אַ פולע רשימה פון זיי אין באַכערס נעקראָלאָג אין Jewish Quarterly Reviews, VII, 1894) האָבן אַ שייכות צו דער געשיכטע פון דער יידישער שפּראַך און ליטעראַטור: אַ רעצענזיע אויף גרינבוימס כרעסטאָמאַטיע (אין Monatsschrift für Geschichte und Wissenschaft des Judenthums, 1882, ז״ז 128—138); Beitrage zur Geschichte der hebräischen und aramäischen Studien, מינכען 1884 וואו ער ברענגט צ״אַ זייער וויכטיקע ביבליאָגראַפישע ידיעות און אויסצוגן אין יידישע אותיות פון די עלטסטע יידישע כתב־ידן אויס דער קיניגלעכער ביבליאָטעק אין מינכען; Die Berner Handschrift des Kleinen Aruch (אין דער גרעץ־יובל־שריפט, ברעסלע, 1887, ז״ז 1—38).

ב. באַראַכאָוו, „ביבליאָטייק״, III, 258—263; מ. וויינרייך, „שטאַפּלען״, ז״ז 44—45.

**פּערלעס פעליקס** (18/III 1874 — ) געב. אין מינכען, זון פון יוסף פּ., פון דער מוטערס זייט אַן אייניקל פון שמעון־ברוך שעפּטעל, דעם מחבר „ביאורי אונקלס״ (מינכען, 1888). געלערנט ביים פאָטער, גלייכצייטיק באַזוכט די פאָלקסשול און גימנאַזיע אין מינכען און שטודירט אין אָרטיקן אוניווערסיטעט אָריענטאַלישע און קלאַסישע שפּראַכן, 1895 באַקומען דעם טיטל ד״ר פילאָסאָפיע, דאַן צוויי יאָר באַזוכט די „איזראַעליטישע טעאָלאָגישע לערנאַנשטאַלט״ אין ווין און אַ יאָר צייט דעם „איזראַעליטישן סעמינאַר פון פראַנקרייך״ אין פּאַריז, זינט 1899 ראַבינער פון דער סינאַגאָגנגעמיינדע אין קיניגסבערג, דערהויפּט טעטיק אַלס לערער פון רעליגיע. ווינטער 1922—23 געוועזן דאָצענט פאַר תנך־וויסנשאַפט און געשיכטע פון רעליגיע אין דעם דאַן געגרינדעטן Jewish Institute of Religion אין נ״י. האָט אחוץ אַ גאַנצער ריי יודאַיִסטישע אַרטיקלען און רעצענ־